# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:54
מוצאי שב"ק.....................6:27

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................שופטים ט"ו-ט"ז
בבלי.....................סנהדרין מ"ו
ירושלמי...................מגילה ט"ו
תוספתא...................שבת י"ד
רמב"ם....שאר אבות הטומאה ב'


פרשת בא, ג' שבט, שנת תשפ"ה לפ"ק — שנה 14, גליון 77 (686)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיְהִי חֹשֶׁךְ עַל אֶרֶץ מִצְרַיִם וְיָמֵשׁ חֹשֶׁךְ. דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְרֶעגְט (תּוֹרַת מֹשֶׁה, פָּרָשַׁת בֹּא), פַארְוָואס הָאט אוֹיסְגֶעפֶעלְט בַּיי מַכַּת חוֹשֶׁךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מַאכְן אַזַא וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַכָּה, עֶס זָאל זַיין פִינְסְטֶער פַאר דִי מִצְרִיִּים און אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט לִיכְטִיג פַאר דִי אִידְן, לוֹיט וִוי רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דִי צְוֵויי טַעֲמִים פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט מַכַּת חוֹשֶׁךְ, כְּדֵי דִי מִצְרִיִּים זָאלְן נִישְׁט זֶען ווִי דִי אִידִישֶׁע רְשָׁעִים שְׁטַארְבְּן, און כְּדֵי דִי אִידְן זָאלְן קֶענֶען נִישְׁטֶערְן אִין דִי פַארְמֶעגְנְס פוּן דִי מִצְרִיִּים, וָואלְט דָאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעקֶענְט מַאכְן אַז דִי מִצְרִיִּים זָאלְן וֶוערְן בְּלִינְד, נִישְׁט פִינְסְטֶער.

אִיז דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר מַסְבִּיר, וֶוען אַ מֶענְטְש אִיז בְּלִינְד לֹא עָלֵינוּ גֵייט אַרִיבֶּער דֶער כֹּחַ פוּן זַיינֶע אוֹיגְן צוּ אֵיינֶע פוּן זַיינֶע אִיבְּרִיגֶע חוּשִׁים, פוּן אֵיין זַייט זֶעט עֶר טַאקֶע נִישְׁט, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט פַארְדִינְט עֶר אַז זַיינֶע אַנְדֶערֶע חוּשִׁים אַרְבֶּעטְן שְׁטֶערְקֶער ווִי בַּיי אַ צְוֵוייטְן, דָאס אִיז אָבֶער נָאר וֶוען דֶער מֶענְטְש אִיז בְּלִינְד, אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְש קֶען זֶען נָאר עֶר זִיצְט אִין אַ טוּנְקֶעלֶע שְׁטוּב, וֶוערְן נִישְׁט זַיינֶע אִיבְּרִיגֶע חוּשִׁים שְׁטֶערְקֶער. דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט עֶס זָאל וֶוערְן פִינְסְטֶער פַאר דִי מִצְרִיִּים, כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען זֶען, און דֶערְבֵּיי גָארְנִישְׁט פַארְדִינֶען דֶערְפוּן.

טַייטְשְׁט עֶר דֶערְמִיט וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בֵּיצָה לב:): "כָּל הַמְצַפֶּה עַל שֻׁלְחַן אֲחֵרִים עוֹלָם חָשַׁךְ בַּעֲדוֹ", וֶוער עֶס דַארְף צוּקוּמֶען צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אִיז דִי וֶועלְט פִינְסְטֶער פַאר אִים; עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אַז עֶר אִיז גְלַייךְ צוּ אַ בְּלִינְדֶער מֶענְטְש, נָאר 'דִי וֶועלְט אִיז אִים פִינְסְטֶער'. וַוייל עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן פַאר אַן אָרֶעמַאן אַז עֶר פַארְדִינְט דוּרְכְ'ן זַיין אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין אַנְדֶערֶע, וַוייל אַזוֹי דַארְף עֶר זִיךְ נִישְׁט פָּארֶען מִיט גָארְנִישְׁט, עֶר קֶען רוּאִיג לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען, און וֶוען עֶר דַארְף עֶפֶּעס קְלַאפְּט עֶר אַרַיין צוּ הַייזֶער און מֶען שְׁטֶעלְט אַלֶעס צוּ וָואס עֶר דַארְף, דֶערְפַאר זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, עֶר אִיז גְלַייךְ צוּ 'עוֹלָם חָשַׁךְ', דִי וֶועלְט אִיז אִים פִינְסְטֶער, וָואס דֶעמָאלְט הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שוּם נִיצְן דֶערְפוּן, דַאן וֶוערְן נִישְׁט דִי אַנְדֶערֶע חוּשִׁים שְׁטֶערְקֶער, אַזוֹי אוֹיךְ פַארְדִינְט דֶער אָרֶעמַאן גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן.

הָאב אִיךְ גֶעטְרַאכְט, אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ דֶער עִנְיָן פוּן אַ חָתָן; אַלֶע מוּטְשֶׁען זִיךְ "פַארְוָואס דַארְף מֶען מְשַׂמֵּחַ זַיין אַ חָתָן?" נָאר דֶער חָתָן אִיז בִּיז יֶעצְט גֶעוֶוען אַ 'מְצַפֶּה עַל שֻׁלְחָן אֲחֵרִים', מֶען הָאט אִים אַלֶעס צוּגֶעשְׁטֶעלְט, פְרִישְׁטָאג און נַאכְטְמָאל, און עֶר הָאט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען אוּמְגֶעשְׁטֶערְט, עֶר אִיז גֶעזִיצְן מִיט זַיין חוּמָשׁ און מִשְׁנָיוֹת, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים, קֶען עֶר טְרַאכְטְן: "וָואס פֶעלְט דָאס אוֹיס? פַארְוָואס דַארְף אִיךְ חֲתוּנָה הָאבְּן?" קוּמְט מֶען מְשַׂמֵּחַ זַיין דֶעם חָתָן און מֶען זָאגְט אִים: אֱמֶת אַז פוּן יֶעצְט און וַוייטֶער דַארְפְסְטוּ אָנְהֵייבְּן זָארְגְן וְכוּ' אָבֶער אַ בָּחוּר אִיז 'עוֹלָם חָשַׁךְ בַּעֲדוֹ', עֶס קוּקְט טַאקֶע אוֹיס ווִי אַלְס בָּחוּר קֶען מֶען בֶּעסֶער לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מוּטְשֶׁען, אָבֶער וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה אִיז מֶען מֶער מַרְוִיחַ, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יוֹמָא עב:): ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה? "נוֹשֵׂא אִשָּׁה, וְאַחַר כָּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה", אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה און נָאכְדֶעם לֶערְנְט מֶען תּוֹרָה.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, בֹּא תשפ"ב, אֵצֶל שַׁבַּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט

סְ'אִיז דָא אַזַא אוֹיסְדְרוּק וָואס מֶענְטְשְׁן נוּצְן אוֹיף אֵיינֶעם אַז "יֶענֶער הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט". דָאס נוּצְט מֶען גֶעוֶוענְלִיךְ אוֹיף אַ בַּאקַאנְטֶער פֶּערְזֶענְלִיכְקֵייט וָואס אִיז גָאר שְׁטַארְק פָּאפּוּלֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר הָאט אַסַאךְ נָאכְפָאלְגֶערְס. אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ זָאגְט זִיךְ אַן אוֹיסְדְרוּק אַז עֶר נֶעמְט אַיין דִי וֶועלְט.

דָאס אִיז אָבֶער אַ פַאלְשֶׁער אוֹיסְדְרוּק. אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט. עֶס אַרְבֶּעט פַארְקֶערְט, דִי וֶועלְט נֶעמְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאךְ אֵיידֶער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ שַׁאנְס אַיינְצוּנֶעמֶען דִי וֶועלְט. דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז עֶר גֵייט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט, וָואס בְּלַייבְּט אָבֶער אִיבֶּער צוּם סוֹף פוּן אַ מֶענְטְשׁ? דִי וֶועלְט נֶעמְט אִים אַרַיין, און עֶס בְּלַייבְּט נָאר אַ בֶּערְגֶל עֶרְד.

דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זי"ע הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט פוּן דֶעם און גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַ מָשָׁל. מֶען זֶעט ווִי אַ שׁוֹחֵט פִירְט אַן אָקְס צוּ דִי שְׁחִיטָה, דֶער אָקְס קֶען זִיךְ צֶעוִוילְדֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג און אָנְהוֹיבְּן אַוֶועקְצוּלוֹיפְן, און דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אִים גוּט אָנְכַאפְּן, צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ אַן אַייזֶערְנֶעם קֵייט אָדֶער אַ שְׁטַארְקֶע שְׁטְרִיק. אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ דִי שְׁחִיטָה קֶען מֶען אַסַאךְ מָאל זֶען ווִי דֶער אָקְס נֶעמְט זִיךְ לוֹיפְן פָארְאוֹיס און עֶר שְׁלֶעפְּט דֶעם שׁוֹחֵט, און עֶטְלִיכֶע מִינוּט שְׁפֶּעטֶער גֵייט עֶס פַארְקֶערְט, אַז דֶער אָקְס שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ און עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים גֵיין וַוייטֶער, און דַאן דַארְף דֶער שׁוֹחֵט אִים שְׁלֶעפְּן מִיט כֹּחַ. אַזוֹי גֵייט עֶס אַהִין און

<<<<<<

## א גוט ווארט

אוּנְזֶער תִּיקוּן שׁוֹבָבִי"ם אִיז קוּמֶען אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת, דָאס אִיז אוּנְזֶער תִּיקוּן שׁוֹבָבִי"ם, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען קֶען זִיךְ טוֹבְלְ'ן; דָאס אִיז אוּנְזֶער תִּיקוּן שׁוֹבָבִי"ם.

אַמָאל אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדוֹת פוּן הַאקְן אַייז, בְּרֶעכְן אַייז - זִיךְ צוּ טוֹבְלְ'ן; הַיינְט אִיז אוֹיךְ דָא דִי שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה, הַיינְט אִיז דִי אַייז אִין הַארְץ, אִין קָאפּ; מֶען אִיז קַאלְט, מֶען אִיז פוֹיל, מֶען אִיז זֵייעֶר בַּאקְוֶועם, און אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה, אִין אַ הֵייסֶע מִקְוֶה, אֲפִילוּ וֶוען דִי הַארְץ און דִי מֹחַ אִיז אַייז קַאלְט, מֶען צֶעבְּרֶעכְט דִי אַייז - דָאס אִיז אוּנְזֶער תִּיקוּן שׁוֹבָבִי"ם.

בַּיים דַאוֶוענֶען זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְדֶעקְן מִיטְ'ן טַלִּית און זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן ווִי דוּ בִּיסְט אִין אַ לֵיידִיגֶע פֶעלְד אִין אַ וַואלְד, וַוייט אַוֶועק פוּן מֶענְטְשְׁן, דוּ הָאסְט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעט אִים פַאר אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס, זָאלְסְט גָארְנִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים, בֶּעט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ מְקַרֵב זַיין צוּ אִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשפ"ה)

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# לְכָבוֹד שׁוֹבָבִי"ם, קוּשׁ דִי מְזוּזָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַ גוּטֶע קַבָּלָה לְכָבוֹד שׁוֹבָבִי"ם; וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ, וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אַ טִיר מִיט אַ מְזוּזָה - צוּ גֶעבְּן אַ קוּשׁ און זָאגְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן מֶען זָאל אָנְקוּמֶען בְּשָׁלוֹם, און דַאנְקֶען וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען. וָואס וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ וואוּ עֶר גֵייט יֶעצְט? וָואס וֶועט פַּאסִירְן? מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן אַ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה.

דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת, זַיי זִיךְ מִתְוַדֶּה אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ד), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט - וֶוערְן דִי עֲבֵירוֹת אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לב, כז): "וַתְּהִי עֲוֹנֹתָם עַל עַצְמוֹתָם", און דָאס הַרְגֶ'עט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִילִים לד, כב): "תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה", דִי עֲבֵירוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ טוּעֶן אִים הַרְגֶ'עֶנֶען; מֶען וֶוערְט זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט, בִּפְרַט דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן מַאכְט דֶעפְּרֶעסְט און צֶעבְּרָאכְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ו): "וְזֶה בְּחִינַת חוֹלַאַת שֶׁקּוֹרִין בְּרֶעכֶנִישׁ, רַחֲמָנָא לִצְלָן, שֶׁשּׁוֹבֵר עַצְמוֹת שֶׁל אָדָם", פוּן דִי עֲבֵירָה קוּמְט דִי מַחֲלָה וָואס הֵייסְט 'בְּרֶעכֶענִישׁ', דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקְלֶעךְ, און שְׁפִּירְט נִישְׁט קֵיין טַעַם אִין זַיין לֶעבְּן.

אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן און עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, דַאן גֵייעֶן אַרוֹיס אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער און וָואס דוּ גֵייסְט נָאכְאַלְץ אַרִיבֶּער, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְצֵייל, שְׁמוּעֶס אוֹיס אַלֶעס; וֶועט עֶס אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע בֵּיינֶער, וֶועסְט וֶוערְן פְרֵיילִיךְ און לֶעבֶּעדִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

מג. תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וּתְפִלָּה וְדֶרֶךְ אֶרֶץ, צְרִיכִין חִזּוּק. תּוֹרָה, מַעֲשִׂים טוֹבִים, תְּפִלָּה, און דֶרֶךְ אֶרֶץ, דַארְפְן הָאבְּן חִיזוּק.

מד. אַל תִּתְפַּלֵּל אֶלָּא בְּבַיִת שֶׁיֵּשׁ בּוֹ חַלּוֹנוֹת. זָאלְסְט דַאוְונֶען נָאר אִין אַ שְׁטוּבּ וָואס הָאט פֶענְסְטֶערְס.

מה. עַל יְדֵי צְדָקָה בִּשְׁתֵּי יָדַיִם תְּפִלָּתוֹ נִשְׁמַעַת. דוּרְךְ גֶעבְּן צְדָקָה מִיט בֵּיידֶע הֶענְט, וֶוערְט דִי תְּפִלָּה אָנְגֶענוּמֶען.

מו. בִּשְׁעַת תְּפִלָּה יִפְרֹשׂ כַּפָּיו, כְּאִלּוּ מְקַבֵּל אֵיזֶה דָּבָר. בִּשְׁעַת'ן דַאוְונֶען זָאל מֶען אוֹיסְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֶענְט, אַזוֹי וִוי מֶען בַּאקוּמְט עֶפֶּעס אַ זַאךְ.

>>>>>> מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

צוּרִיק, אַמָאל שְׁלֶעפְּט דֶער שׁוֹחֵט דֶעם אָקְס, און אַמָאל שְׁלֶעפְּט דֶער אָקְס דֶעם שׁוֹחֵט. דֶער וָואס קוּקְט דָאס צוּ פוּן דֶער זַייט, וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער עֶס שְׁלֶעפְּט בֶּאֱמֶת וֶועמֶען. שְׁפֶּעטֶער אָבֶּער, וֶוען דֶער שׁוֹחֵט שֶׁחְט דֶעם אָקְס, דַאן וֶוערְט מֶען גֶעוְואוֹיר דֶעם אֱמֶת אַז דֶער שׁוֹחֵט אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט גֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם אָקְס.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיף דֶער וֶועלְט - הָאט דֶער צֶמַח צֶדֶק אוֹיסְגֶעפִירְט. וִוילַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען מֶען נִישְׁט וִויסְן וֶוער עֶס גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף וֶועם. אַמָאל קֶען אוֹיסְזֶען וִוי דֶער מֶענְטְשׁ שְׁלֶעפְּט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער דֶער סוֹף פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ'ס יָארְן, וֶוען עֶס קוּמְט זַיין צַייט אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, מֶען נֶעמְט דֶעם מֶענְטְשׁ און מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין דֶער עֶרְד, דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען גֶעוְואוֹיר וֶוער עֶס גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף וֶועמֶען. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק נִתְפָּעל וֶוערְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט... וַוייל דִי וֶועלְט קֶען קֵיינֶער נִישְׁט אַיינְנֶעמֶען.

פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז נָאכְאַלְץ דָא אַ וֶועג וִוי אַזוֹי יֶעדֶער קֵיינֶער קֶען יָא אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט...

דֶער וֶועלְט וֶוערְט גֶערוּפְן "עוֹלָם". דָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן פוּן "הַעֲלָמָה", וָואס דָאס מֵיינְט "בַּאהַאלְטְן". דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נוּצְט דִי וֶועלְט אוֹיף צוּ שְׁפִּילְן "בַּאהַאלְטְן" מִיט דִי מֶענְטְשְׁן. וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע וֶועלְט זֶעט מֶען אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן מִיט אַזוֹיפִיל פוּן זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע אוֹיפְטוּעֶן, אַז עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז מֶענְטְשְׁן פִירְן טַאקֶע דִי וֶועלְט. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס שְׁטֵייט אוּנְטֶער דִי וֶועלְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט און עֶר פִירְט יֶעדֶע רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דִי חָכְמָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֶוען עֶר קֶען אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט, עֶר וֶוערְט גֶעוְואוֹיר דֶעם אֱמֶת אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן קֵיין רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז אַ קוּנְץ, און אֵיינֶער וָואס קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט. עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דֶעם "עוֹלָם". פַאר אִים קֶען מֶען נִישְׁט שְׁפִּילְן בַּאהַאלְטְן. עֶר וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אַז אוּנְטֶער אַלֶע אַקְטִיוִויטֶעטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט גֶעפוּנְט זִיךְ אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט אַלֶעס פוּן הוּנְטֶער דִי קוּלִיסְן.

וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ צוּקוּמֶען דֶערְצוּ? דָאס קֶען מֶען נָאר טוּן דוּרְכְ'ן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוְואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אִים שְׁמוּעֶסְט עֶר אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר בֶּעט זַיין הִילְף וֶוען עֶס גֵייט אִים שְׁוֶוער, און עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט. דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. און דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן אוֹיפְצוּאַנְטְוִויקְלֶען פַּארְ'ן מֶענְטְשׁ דֶעם אֱמֶת'ן פָּנִים פוּן דֶער וֶועלְט. עֶס שֵׁיילְט זִיךְ אָפּ דִי דְרוֹיסְנְדִיגֶע שִׁיכְט וָואס פַּארְשְׁטֶעלְט דֶעם מֶענְטְשׁ'ס אוֹיגְן, און דַאן זֶעט עֶר מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן וָואס עֶס לִיגְט פוּן אִינֶעוֵוייניג - נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים י, כ) "וּבוֹ תִדְבָּק" - עֶס אִיז אַ מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה אַז מֶען דַארְף זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָואס מֵיינְט זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

לָאמִיר נֶעמֶען צְוֵוויי שְׁטִיקְלֶעךְ פַּאפִּיר און עֶס צוּזַאמְקְלֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם מִיט שְׁטַארְקֶע קְלֶעבּ, וָואס וֶועט דַאן פַּאסִירְן? דִי צְוֵוויי שְׁטִיקְלֶעךְ פַּאפִּיר וֶועט מֶען שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען אָפְּטֵיילְן אֵיינְס פוּן דִי אַנְדֶערֶע. אֲפִילוּ וֶוען מֶען וֶועט זֵיי צֶערַייסְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קְרַאפְט, וֶועט זִיךְ אֵייבִּיג מִיטְרַייסְן אֵיין שְׁטִיקְל מִיט דִי אַנְדֶערֶע. און דָאס מֵיינְט צוּ זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַארְף אַזוֹי סַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז עֶר וֶועט וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים, און דַאן וֶועט מֶען זֵיי שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען צֶעטֵיילְן. אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ יָא אָפְּרַייסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זִיךְ אָבֶּער אֵייבִּיג מִיטְרַייסְן אַ שְׁטִיקְל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אִים... דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ עֶר וֶועט פַּארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און טוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, וֶועט עֶר זִיךְ אָבֶּער אֵייבִּיג דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט וֶועט אִים אַרַיינְקוּמֶען אִין מַחְשָׁבָה אַז עֶס טוֹיג נִישְׁט אַזוֹי דֶער מַצָּב, עֶס אִיז צַייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. און סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר טַאקֶע אִינְגַאנְצְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (תְּהִלִּים קלט, ז) "פְּלִיאָה דַעַת מִמֶּנִּי נִשְׂגְּבָה לֹא אוּכַל לָהּ" - דָוִד הַמֶּלֶךְ וואוּנְדֶערְט זִיךְ און עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "אָנָה אֵלֵךְ מֵרוּחֶךָ וְאָנָה מִפָּנֶיךָ אֶבְרָח" - וואוּ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען מֶען דֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל הִנֶּךָּ" - אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיפְפְלִיעֶן אִין הִימְל, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט. אַז דוּ וֶועסְט אַרָאפְּנִידֶערְן טִיף אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ דָארְט. עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט. נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט שׁוֹין אַלְץ אָפְּגֶעטוּן שְׁלֶעכְטֶס, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי וַוייט עֶר אִיז שׁוֹין גֶעפַאלְן. דַארְף עֶר אֵייבִּיג וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאכְאַלְץ מִיט אִים. עֶר דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דִי מוֹיל און זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַזוֹי זַיין לֶעבְּן קוּקְט אוֹיס, אַלֶע דוּרְכְפֶּעלֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בִּיז יֶעצְט, און וואוּ אַהִין עֶר צִילְט אִין זַיין לֶעבְּן, וואוּ עֶר וִויל אַלְס אָנְקוּמֶען. און דַאן וֶועט עֶר זֶען וִוי זַיין לֶעבְּן וֶועט זִיךְ דְרַאסְטִישׁ טוּישְׁן צוּם גוּטְן. עֶר וֶועט הָאבְּן אַ לִיכְטִיג און פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, און עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י' עֶרֶךְ עוֹלָם וְחֵלֶק י"ד עֶרֶךְ דְבֵיקוּת)

## לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי׳ן (קצב)

**תרנד**

שְׁפֶּעטֶער, אוֹיפְ׳ן וֶועג קֵיין נָאוְורִיטְשׁ, זִיצְנְדִיג אוֹיפְ׳ן וָואגְן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, ״אִיךְ הָאבּ דִי כּוֹחוֹת צוּ פַארְרֶעכְטְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם גוּטְן וֶועג, אוּן נִישְׁט נָאר פָּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר אֲפִילוּ צַדִּיקִים אוּן גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן קֶען אִיךְ אוֹיךְ זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם גוּטְן, וַוייל אוֹיךְ דִי צַדִּיקִים דַארְף מֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם גוּטְן, אוּן נִישְׁט נָאר דִי הֵיילִיגֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, נָאר אֲפִילוּ אַלֶע גוֹיִם קֶען אִיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ קֶען זֵיי בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּם אִידִישְׁן גְלוֹיבְּן, אָבֶער ׳דַיּוֹ לָעֶבֶד לִהְיוֹת כְּרַבּוֹ׳ (בְּרָכוֹת נ״ח:), סְ׳אִיז גֶענוּג פַאר אַ קְנֶעכְט צוּ זַיין וִוי זַיין הַאר״.

**תרנה**

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, ״דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דַארְף מִיךְ הָאבְּן, שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט פוּן אַייךְ, וָואס אִיר וֵוייסְט דָאךְ אַלֵיין וִוי שְׁטַארְק אִיר דַארְפְט מִיךְ הָאבְּן, נָאר אֲפִילוּ אַלֶע צַדִּיקִים דַארְפְן מִיךְ הָאבְּן, וַוייל אוֹיךְ זֵיי דַארְף אִיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם גוּטְן וֶועג, אָבֶער ׳דַיּוֹ לָעֶבֶד לִהְיוֹת כְּרַבּוֹ׳ (שָׁם), סְ׳אִיז גֶענוּג פַאר אַ קְנֶעכְט צוּ זַיין וִוי זַיין הַאר״.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט פוּן ר׳ שְׁמוּאֵל, ״בִּיסְט גֶעשְׁלָאפְן בַּיינַאכְט ?״, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, ״יָא״, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, ״וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ גֶעשְׁלָאפְן אוּן וִוי אַזוֹי בִּיסְטוּ גֶעשְׁלָאפְן ? אִיךְ בִּין גֶעשְׁלָאפְן מִיטְ׳ן עִנְיָן פוּן אַ גֶעלִינְקְטֶער״, דָאס הֵייסְט אַז בְּשַׁעתְ׳ן שְׁלָאפְן הָאט עֶר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין דֶעם עִנְיָן פוּן אַ גֶעלִינְקְטֶער, אוּן עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דֶער עִנְיָן פוּן שֵׁבֶט בִּנְיָמִין וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט בֵּיי זֵיי (שׁוֹפְטִים כ׳, ט״ז) ״שְׁבַע מֵאוֹת אִישׁ אִטֵּר יַד יְמִינוֹ״, זִיבְּן הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעלִינְקְט.

**תרנו**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט נָאוְורִיטְשׁ, עֶר הָאט גֶעוָואלְט פָארְן וַוייטֶער, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט אַז עֶר הָאט זִיךְ דָארְט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אוֹיף יוֹם טוֹב פּוּרִים אִין הוֹיז פוּנֶעם אָרְטִיגְן רָב, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיקְל מְחוּתָּן מִיט אִים.

**תרנז**

נָאךְ פּוּרִים אִיז דֶער רֶבִּי אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן שְׁטָאט נָאוְורִיטְשׁ אוֹיפְ׳ן וֶועג צוּם שְׁטָאט אוֹסְטְרָאהָ, אוּן אוֹיךְ אוֹיף דֶעם וֶועג הָאט מֶען גֶעזֶען גָאר וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, גָאר אוֹיסֶערְגֶעוֶועְנְלִיכֶע אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשִׂיוֹת, אָבֶער רוֹב פוּן דִי מַעֲשִׂיוֹת הָאט מֶען נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דֶעמָאלְט, אוּן דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן, חֲבָל עַל דְּאָבְדִין.

אֵיינֶע פוּן דִי מַעֲשִׂיוֹת וָואס ר׳ שְׁמוּאֵל טֶעפְּלִיקֶער הָאט דֶערְצֵיילְט אִיז גֶעוֶוען אַז אֵיינְמָאל הָאבְּן זֵיי גֶענֶעכְטִיגְט אִין אַ גַאסְט הוֹיז, עֶס הָאבְּן זִיךְ דָארְט גֶעפוּנֶען פִילֶע גֶעסְט פוּן זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁטֶעט, וַוייל דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע פְּלַאץ צוּ פִירְן גֶעשֶׁעפְטְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְ׳ן וֶועג צוּ דִי גְרוֹיסֶע וֶועלְדֶער אִין דִי אוּמְגֶעגְנְט, פוּן דָארְט הָאט מֶען גֶעבְּרֶענְגְט דִי גְרוֹיסֶע הֶעלְצֶער אוּן קְלֶעצֶער, רֶעדֶער פַאר וֶועגֶענֶער, מִיט פֶּעךְ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִין דִי לַאנְגֶע ווינְטֶער נֶעכְט זֶענֶען דָארְט גֶעזֶעסְן אַסַאךְ סוֹחֲרִים אַרוּם דֶעם גְרוֹיסְן טִישׁ וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אִינְמִיטְן שְׁטוּבּ, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט אִיבֶּער זֵייעֶרֶע גֶעשֶׁעפְטְן, וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז בֵּיי סוֹחֲרִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעסְן צְווִישְׁן זֵיי, אוּן עֶר הָאט מִיטְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ סוֹחֵר, עֶר הָאט אַרוּמְגֶערֶעדְט פוּן אַלֶע דֶעטַאלְן פוּן דִי פְּרַייזְן אוֹיף דָאס אוּן אוֹיף יֶענְץ, דִי נֶעמֶען פוּן דִי פָּרִיצִים מִיט וֶועמֶען זֵיי הָאבְּן גֶעהַאנְדְלְט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אַזַא בַּאקַאנְטְשַׁאפְט אִין אַלֶע זֵייעֶרֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אַז עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי עֶר דְרֵייט זִיךְ שׁוֹין מִיט זֵיי פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט.

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# קֶען אַ הָאזֶעלֶע בַּארוּאִיגְן פוּן שְׁרֶעק ?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

שְׁ׳כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט תְּהִילִים.

אִיךְ הָאבּ מוֹרָא פוּן ׳אַזְעָקוֹת׳, דִי סִירֶענֶעס וָואס פַּייפְן דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פְלִיעֶן אַ בָּאמְבֶּע, זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ דָאקְטֶער, אוּן דֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל גֵיין צוּ אַ מַאמֶע וָואס הָאט אַ הָאזֶעלֶע.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז דָא אֵיין עֵצָה אוֹיף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן; חַזְרְ׳ן אֱמוּנָה, חַזְרְ׳ן ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער׳; וִוי מֶער מֶען חַזְרְ׳ט אֱמוּנָה - אִיז מֶען מֶער רוּאִיג, אוּן דִי שְׁרֶעק גֵייט אַוֶועק.

אַ הָאזֶעלֶע (בָּאנִי רֶעבִּיט) וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס אִיז לַאכֶעדִיג אַז דִי דָאקְטוֹירִים וֵוייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ בַּארוּאִיגְן קִינְדֶער פוּן דִי פַּייפֶערַייעֶן וָואס פַּייפְט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פְלִיעֶן אַ בָּאמְבֶּע, זָאגְן זֵיי מֶען זָאל גֵיין צוּ אַ הָאזֶעלֶע; שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, הוֹיבְּט אָן חַזְרְ׳ן אֱמוּנָה, הֶערְט נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, זִינְגְט אֱמוּנָה, זִינְגְט ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָארְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיף אַ יֶעדֶע אָרְט״; דָאס וֶועט אַייךְ בַּארוּאִיגְן, דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן אַ שְׁטַארְקְקֵייט נִישְׁט צוּ מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ אִין דִי וֶועלְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמוֹת תשפ״ה)

## שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

כָּאטְשׁ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען בַּאקַאנְט מִיט זַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, אוּן מִיט זַיין עֲנִיווּת אוּן מִיטְ׳ן זַיין קְלֵיין בֵּיי זִיךְ, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר אַלְץ גֶעהַאט אַ פְרֵיילִיכֶע שְׁמֵייכְל אוֹיפְ׳ן פָּנִים, זַיין פָּנִים הָאט גֶעשַׁיינְט אוּן גֶעלָאכְטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע רוֹיטְלִיכְקֵייט, עֶר הָאט אוֹיפְגֶענוּמֶען יֶעדְן מֶענְטְשׁ מִיט אַ שְׁמֵייכְל בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת, אֲפִילוּ זַיינֶע פַיינְט. אַזוֹי וַוייט אַז וֶוער עֶס הָאט נָאר גֶעקוּקְט אוֹיף אִים הָאט בַּאקוּמֶען אַן הִרְהוּר תְּשׁוּבָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן י״ט) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַזוֹי אוֹיסְלַייטֶערְן זַיין פָּנִים, אַז יֶעדֶער וָואס קוּקְט אוֹיף אִים זָאל זִיךְ זֶען דָארְט אַזוֹי וִוי אִין אַ שְׁפִּיגְל, אַז אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל יֶענֶעם זָאגְן מוּסָר, זָאל יֶענֶער גְלַייךְ חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, בְּלוֹיז מִיט דֶעם וָואס זֶעט זִיךְ אַזוֹי וִוי אִין אַ שְׁפִּיגְל וִוי וַוייט זַיין אֵייגְן פָּנִים אִיז אַיינְגֶעטוּנְקֶען אִין טוּנְקְלְקֵייט.

אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיךְ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קנ״ג) אַז וֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן אַ צַדִּיק הָאט אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, ״אַנְפִּין נְהוֹרִין״, אִיז זַיין פָּנִים וִוי אַ קְלָארֶע זוֹיבֶּערֶע שְׁפִּיגְל, דֶעמָאלְט קֶען עֶר ״מְקַבֵּל פָּנִים״ זַיין דֶעם צַדִּיק, עֶס שְׁפִּיגְלְט זִיךְ אָפּ אִין אִים דֶער פָּנִים פוּן זַיין רֶבִּי.

(אִמְרֵי מוֹהֲרָא״שׁ, חֵלֶק א׳, סִימָן מ״ו)

ר׳ שְׁמוּאֵל אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין דִי זַייט אוּן זִיךְ צוּגֶעהֶערְט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף וָואס דָארְט קוּמְט פָּארְט, אוּן דִי מֶערְסְטֶע מָאדְנֶע אִיז אִים גֶעוֶוען אַז קֵיינֶער פוּן דִי סוֹחֲרִים הָאט נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן וֶוער עֶר אִיז אוּן פוּן וואוּ עֶר קוּמְט, אַז עֶר קֶען זִיךְ אַזוֹי גוּט אוֹיס אִין אַלֶע זֵייעֶרֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

נָאכְ׳ן זִיצְן דָארְט פַּאר אַ שָׁעָה צְוֵויי, הָאבְּן דִי סוֹחֲרִים זִיךְ צוּבִּיסְלֶעךְ צֶעשְׁפְּרֵייט יֶעדֶער צוּ זַיין שְׁטוּב וואוּ עֶר אִיז דָארְט גֶעשְׁלָאפְן, אוּן בַּיים טִישׁ אִיז גֶעבְּלִיבְּן נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט אֵיין סוֹחֵר. דֶער סוֹחֵר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּקְן אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, "אִיר זֶענְט מִיר אַבִּיסְל קֶענְטְלִיךְ", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "מֵיינְסְט אַז אִיךְ בִּין יֶענֶער?", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט דֶער נָאמֶען וָואס דֶער סוֹחֵר הָאט גֶעמֵיינְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז, אוּן דֶעמָאלְט הָאט דֶער סוֹחֵר גֶעזָאגְט, "אִיךְ וֵוייס שׁוֹין", הָאט אִים דֶער רֶבִּי ווִידֶער גֶעזָאגְט, "מֵיינְסְט אַז אִיךְ בִּין יֶענֶער?", אוּן עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דֶער נָאמֶען פוּן דֶעם סוֹחֵר פוּן וֶועמֶען יֶענֶער הָאט יֶעצְט גֶעטְרַאכְט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע צוּגֶעטְרָאפְן צוּ וָואס דֶער סוֹחֵר הָאט יֶעצְט גֶעטְרַאכְט, אוּן וֶוען דֶער סוֹחֵר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט וֶועמֶען עֶר הָאט גֶעמֵיינְט, אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דָארְט אוּן אִיז גֶעפָארְן וַוייטֶער. נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט דִי כַּוָונוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואס עֶר הָאט דָארְט גֶעוָואלְט טוּן.

אוּן ר׳ שְׁמוּאֵל הָאט דֶערְצֵיילְט אַז זַיין עִיקָר וואוּנְדֶער אִיז גֶעוֶוען אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט דָאךְ גֶעזֶען צְוֵויי מָאל אַז מֶען הָאט צוּגֶעטְרָאפְן צוּ וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט, פַארְוָואס הָאט עֶר אִים נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט וֶוער עֶר אִיז, אוּן ווִי אַזוֹי עֶר וֵוייסְט וָואס עֶר טְרַאכְט, אוּן ווִי אַזוֹי עֶר קֶען זִיךְ אוֹיס אַזוֹי גוּט אִין דִי אַלֶע דֶעטַאלְן פוּן זֵייעֶרֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

**תרנח**

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען קֵיין אוּסְטְרָאָה, כָּאטְשׁ וָואס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אוּן מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי׳ן אַז פוּן נָאוְורִיטְשׁ ווִיל עֶר פָארְן נָאךְ הִיבְּשׁ וַוייטֶער, הָאט אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט בַּאשְׁלָאסְן צוּרִיק צוּ פָארְן צוּם שְׁטָאט אוּסְטְרָאָה.

דָארְט אִין אוּסְטְרָאָה הָאט פַּאסִירְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אַ שׁוֹחֵט פוּן שְׁטָאט אַרִינְסְק, עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע נַאכְט, אוּן ר׳ שְׁמוּאֵל טֶעפְּלִיקֶער הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען אוּן גֶעוואוּסְט וָואס דָארְט גֵייט פָּאר.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה
גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## סימן טוב ומזל טוב

מו״ה **אהרן יצחק אפעלדארפער** הי״ו קרית ברסלב
**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**
הבחור **אשר אנשיל** ני״ו

***

מו״ה **יואל הכהן ראזענבערג** הי״ו קרית יואל
**צו די שמחת החתונה פון זיין טאכטער עב״ג למזל טוב**

***

מו״ה **אלימלך שארף** שליט״א יבנאל
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו״ה **שמעון עוזר מיטעלמאן** הי״ו מאנסי
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו״ה **וואלווי שטערן** הי״ו סטעטן איילענד
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו״ה **שמואל זיינוויל גרינבוים** הי״ו לעיקוואד
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו״ה **שמואל גליקמאן** הי״ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו״ה **יעקב לעזער** שליט״א קרית ברסלב
**צו די אפשערן פון זיין זון בנימין ביינוש למזל טוב**

***

מו״ה **יעקב הלל פארקאש** הי״ו קרית ברסלב
**צו די אפשערן פון זיין זון שלום למזל טוב**

### נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# רעזערוואציעס פאר בעטן אויף אומאן ראש השנה תשפ״ו

מיר אלע קוקן שוין ארויס צו פארן צום הייליגן רבי׳ן אויף ראש השנה תשפ״ו הבעל״ט, ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט: "ווען עטץ פארטס אהיים מוצאי ראש השנה פון מיר, לייג איך שוין צו די אויער, און איך הער ווי איר קומט שוין נאכאמאל די קומענדיגע ראש השנה." נאך האט דער הייליגער רבי געזאגט: "נישט נאר איר זענט אנגעהאנגען אין מיין ראש השנה, נאר די גאנצע וועלט איז אנגעהאנגען אין מיין ראש השנה".

כאטש מיר זענען נאך אינמיטן ווינטער, אבער ברוך השם די טעג רוקן זיך נענטער צו ראש השנה, וואס דאס דערמאנט אונז צום ערשט אז מיר דארפן בעטן דעם אייבערשטן מען זאל קענען זיין ביים רבי׳ן אויף ראש השנה, אן תפילה ארבעט גארנישט, מען קען מאכן טויזענט פלענער, אבער אז עס פעלט תפילה ארבעט דאס נישט. און אויך דארפן מיר זיך מסדר זיין מיט אן אכסני׳ וואו צו עסן און שלאפן אין אומאן, ווייל כדי צו האבן די בנין מסודר אז אלע אנשי שלומינו וואס שטייען איין אין דעם בנין אינאיינעם מיט׳ן ראש ישיבה זאלן זיין צופרידן על הצד היותר טוב, דארף מען שוין פון יעצט זיך מסדר זיין און נאכפאלגן די סדר וויאזוי מען קען זיך רעזערווירן א בעט אינעם בנין, צו קענען פארברענגען א געשמאקע יום טוב מיט אנשי שלומינו, און קענען דאווענען, לערנען, הערן שמועסן, שיעורים, און עסן די סעודות מיט׳ן ראש ישיבה שליט״א.

היי יאר געפאלט אויס ראש השנה אום מאנטאג נאכט, דערפאר וועט דער בנין שוין זיין צוגעגרייט און פולקאם אפן נאך פאר שבת, וויבאלד פון אמעריקע איז נישט מעגליך דערווייל צו פארן נאך שבת.

אן אינטערעסאנטע זאך וואס די עסקנים וואס פירן דעם בנין האבן אנגעוויזן, אז דער בנין ווערן געהייצט במשך דעם גאנצן ווינטער, וואס דער אנדערער אויסוועג וואלט געווען ארויסצונעמען די וואסער פון אלע רערן, וואס איז זייער א טייערע זאך אין אזא גרויסע בנין, און אויסער דעם איז עס געזונטער פאר׳ן סטרוקטור פונעם געביידע אז עס זאל זיין געהייצט, און צוליב די גרויסע פרעסטן היי יאר, האט מען געדארפט אויסגעבן מער הוצאות כדי צו האלטן דעם בנין ווארעם.

די אלע וואס ווילן זיך צוזאם שטעלן אין א צימער צו קענען שלאפן אין איין גרופע, דארפן אריינרופן דעם גבאי מו״ה מרדכי ראזענבערגער **845-825-3550**, און אריינגעבן דעם רעזערוואציע, ביז קומענדיגן ראש חודש אדר הבעל״ט.

**די פרייזן פאר ראש השנה תשפ״ו זענען ווי פאלגענד: ערשטע שטאק: $1,300, צווייטע שטאק: $1,200, דריטע שטאק: $900, פערטע שטאק: $800.**

די פרייז איז פער בעט, אפילו פאר א קינד (אויב מען קויפט א בעט פאר א קינד, דארפן זיי גיין אויבן פונעם באנק בעט), אויב נעמט מען א קינד אין די זעלבע בעט פונעם טאטן וועט עס זיין בלויז **$100**, א צווייטע קינד אינעם קינדער בעט איז בחינם. אינעם פרייז איז אריינגערעכנט די בעט, אלע עסן, סעודות און מקוה פאר די אלע טעג וואס מען וויילט אין אומאן ארום ראש השנה. אין אנדערע ווערטער: נאר די וואס האבן געצאלט פאר א בעט, האבן די זכות צו עסן די סעודות, און זיך באנוצן מיט די מקוה אינעם בנין.

אלע רעזערווירטע צימערן דארפן זיין אויסגעצאלט "ביז ראש חודש סיון". ביטע נעמט די דאטום ערנסט, ווייל נאך ראש חודש סיון וועט יעדער פון אנשי שלומינו וואס ברענגט דאס גאנצע געלט, אזוי אויך די וואס דארפן נאך א בעט, ווייל זיי ברענגען דאס יאר נאך א קינד, וועלן זיי דאס מיטן אייבערשטנ׳ס הילף באקומען - אויפן חשבון פון די וואס האבן געהאט א בעט פאריאר, און אפילו מען האט שוין רעזערווירט אבער נאך נישט באצאלט, וועלן פארלירן זייער חזקה אויף זייער צימער.

פאר סיי וועלכע הערה, אדער אויב איר ווילט האבן די זכי׳ צו צוהעלפן צום רבי׳ן ראש השנה מיט וואס איר שפירט אז איר קענט, בפרט קען מען נוצן הילף אינעם בנין די וואך פון ראש השנה הבעל״ט זאלן זיך ווענדן צו די גבאים. וכל הקודם זכה!

פאלגענד זענען די גבאים פון היכל הקודש אין אומאן: ר׳ מרדכי ראזענבערגער **845-825-3550**, ר׳ יחזקאל סאמעט: **347-452-1936**, אין ארץ ישראל ר׳ יצחק שמואל פרענקל **0548456150**, אין לאנדאן ר׳ שמחה בלאק **07388582855**.


## ובלכתך בדרך

מיטזאגן: משניות, תהלים, תיקון הכללי, תפלת הדרך, בבלי, ירושלמי, תוספתא, חומש, שלחן ערוך, ליקוטי מוהר״ן, און נאך

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 3, 9**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי״ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**